"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים

מאת

הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר

## הכרת הבורא

חנוכה תשס"ח

אידיש

מועתק מלשונו הזהב

מאמר מ"ח

חנוכה שנת תשפ"ו לפ"ק

## פרנס החודש

נתנדב לעי"נ האי חסיד והאי עניו, עשה מעשה חייא, והחזיק ידי תורה ועבודה ויראת שמים, וחיזק נשברי לב, ה"ה

הרה"ח ר' **חיים אלעזר**

ב"ר **מרדכי מתתיהו** ז"ל

נלב"ע י"ט כסלו תשפ"א

תהא עילו לנשמתו ויצרור בצרור החיים

בגן עדן עם הצדיקים

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

בא"י 0765997840

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com

וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$ עבור הוצאת עריכת הקונטרסים

נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

©

כל הזכויות שמורות

מכון דורשי יחודך

נסדר לדפוס ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר


א פלא'דיגע זאך!......א
דעם אויבערשטנ'ס סוד......ב
'ברוך אתה' - דער תכלית הבריאה!......ג
'דעת' - זה המכיר את בוראו......ד
החשיכו עיניהם של ישראל......ו
צוויי געגוי די זעלבעביימער......ז
'נִפְתְּחוּ הַשָּׁמַיִם וָאֶרְאֶה מַרְאוֹת אֱלֹקִים'......ח
'סגולת ישראל על כל העמים'......י
דער גן־עדן פון א איד - לויבן און דאנקען!......יא
דער תכלית איז נישט דער נס......יב
דאס אידישע גלויבן!......יד
וואס איז געווארן פון די אלע מתיוונים?......טז
הבוחר בשירות ותשבחות......יח
נישטא קיין אנדערע ידיעה......יט
מען בענקט, און מעןווארט, און מען וויל.........כ


**חלק מהוצאות נתנדב**

**לע"נ שר הצדקות והחסד**

הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו

**(מייזעלס)**

# מאמר מ"ח

## 'הכרת הבורא'

### חנוכה תשס"ח

### א פלא'דיגע זאך!

"**ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהילתך**". מען קען זיך נישט פאָרשטעלן דעם זכות - עס איז א שרעקליכע זכות - 'פלאי פלאות' - אז אזא גרויסער באשעפער אין־סוף ברוך־הוא וואס ער האט דאך עולמות בלי-קץ ובלי-גבול וואס דער גילוי אלוקות דארטן איז בלי-גבול און קומט אבער פארט נישט צו ערשט צו דער גרויסקייט פון דעם אויבערשטן אליין - און אזא גרויסער רבונו־של־עולם לאזט זיך אראפ צו אונז, צו "זרע יעקב אשר בחר", און ער האט אזא נחת אז א איד מאכט א ברכה, אויף אַן עסנווארג, אויף א פרי, אויף א ירק, צי אנדערע כל מיני ברכות וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן אונז מתקן געווען, און ער בעט זיך גאר אז מען זאל אים דאנקען און לויבן! [א].

---

**א.** עיין המברך יתברך (מאמר בואו שעריו בתודה) וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: והרי מצאנו ראינו כי הברכות הן מתנות יקרות ומפוארות, ולא ניתנו לשום נברא כי אם אל האדם מבחר הברואים, ובזה גדלה מעלתנו וייחודנו. כמו שכתוב החיד"א (רוח חיים דרוש א') וזל"ק: כבר נודע שמרוב ענוותנותו יתברך נתן לנו רשות לשרתו ולברך שמו יתברך ויתעלה לעד, וכבר נודע מה שפירש הרב מהרימ"ט בפסוק (תהלים סג ד) "**כי טוב חסדך מחיים שפתי ישבחונך**", כי החסד אשר הגדיל לעשות הוא יתברך לתת לנו רשות לשבחו הוא גדול יותר מהחיים שנותן לנו, ובזה אפשר לפרש "**תרננה שפתי כי אזמרה לך**" (שם עא כג) הכוונה תרננה שפתי, שאני משבח על אשר אזמרה לך. ומתוך זה נבוא לפרש הפסוק (שם קמה י) "**יודוך ה' כל מעשיך**", כי כל השרים אשר ממונים על כל דבר, דומם צומח חי, כולם אומרים שירה לפניו יתברך כמבואר בפרק שירה, ולא מצינו בהם אחד שהוא מברך ברכה בשם ומלכות כישראל, אך "**וחסידיך יברכוך**" דוקא ישראל מברכין ברכה שלימה, וזו היא מעלתם וחשיבותם להפליא.

אויף **"כֹּל פָּעַל ה' לַמַּעֲנֵהוּ"**[ב] - זאגט דער **מדרש**[ג] - "לקילוסו" - מען זאל אים דאנקען![ד].

עס איז דאך א געוואלדיגער זכות, עס איז דאך א דבר פלא - א דבר פלא און א זכות - אז דער אויבערשטער האט א נחת רוח אז מיר דאנקען אים און מיר לויבן אים, און אז דאס מאכט תיקונים און א גילוי אלוקות אין אלע עולמות[ה].

עס איז א פלא'דיגע זאך אז דער אויבערשטער האט כבוד פון אונז און ער בעט זיך דאס ביי אונז; מיר זענען ממליך דעם אויבערשטן[ו].

## דעם אויבערשטנ'ס סוד

עס איז דא ביי ה' יתברך צוויי זאכן, עס איז דא 'עצמותו יתברך' וואס קיינער איז נישט משיג, און עס איז דא 'זיין גילוי אין די עולמות' - מגלה זיין און אראפברענגען זיו השכינה אין די עולמות; דאס מגלה זיין אים אין די עולמות, אט דאס האט דער אויבערשטער

---

**ב.** משלי טז, ד.

**ג.** מדרש תהלים יט.

**ד.** עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הודאה ה"ה אות ג': הכל נברא לכבודו כדי שיודו ויברכו אותו עליו, כמ"ש **"כל פעל ה' למענהו"** וכו'. כי **כשמברכין על הפרי** בורא פרי העץ או בורא פרי האדמה וכיוצא, **בזה ממשיכין עיקר שלימות בריאת אותה הפרי וכאילו עכשיו נבראת הפרי על ידי הברכה שבירך עליה** שעל ידי זה נמשך שלימות חיותה דקדושה.

**ה.** עיין ליקוטי הלכות הל' נדרים ה"ד אות י"ד: לפי גדולת ה' יתברך אין שייך אצלו כלל לקבל נחת רוח ממעשה האדם אפילו אם היה הצדיק הגדול, **רק שבאמת אי אפשר לנו להשיג זאת.**

**ו.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' רי"ט: והענין, שיִראה בחינת מלכות הוא בחינת הכנעה ... ועל כן בשעת מתן תורה שרצה ה' יתברך לגלות מלכותו ויראתו, הכניע את עצמו ה' יתברך לישראל כביכול, **וביקש מהם שיקבלו מלכותו והבטיח להם כמה הבטחות**, כמו שכתוב (שמות יט): "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" וכו', שכל אלו ההבטחות הם בחינת הכנעה, וכל זה היה בשביל לגלות מלכותו ויראתו כמו שכתוב (שם כ): "ובעבור תהיה יראתו על פניכם" וכו', כי כל זה היה בשביל היראה שהיא בחינת מלכות כנ"ל, כי השם יתברך מקטין את עצמו בשביל לגלות מלכותו כנ"ל.

כורת ברית געווען אז עס וועט נישט זיין נאר דורך אונזערע מעשים - דער אויבערשטער האט ביי דעם א סוד עליון.

עס איז אזא זכות אז א מענטש מאכט א ברכה אויף א זאך און ער דאנקט דעם אויבערשטן וואס ער האט באשאפן דעם מאראנץ צי דעם פרי.

עס ווערט געבראכט, אז מען וויל אויפהויבן א וואנט, הויבט מען עס אויף פון אונטן, דעמאלס הויבט זיך די גאנצע וואנט. די המלָכה פון דער וועלט (- למטה), פון זרע ישראל, דאס איז דער תכלית הבריאה! דער תכלית התיקון פון "עַיִן לֹא רָאָתָה אֱלֹקִים זוּלָתְךָ יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה לוֹ"[ז] וועט ווערן מיט אונזערע עבודות.

## 'ברוך אתה' - דער תכלית הבריאה!

עס איז דא א **זוהר**, א רעיא מהימנא[ח], זאגט ער, "די אידן וואס דאנקען דעם אויבערשטן אויף יעדער זאך און זיי מאכן ברכות בכוונה, אויף זיי שטייט[ט]: **'כִּי מְכַבְּדַי אֲכַבֵּד'**".

בכלל שטייט[י]: **"איזהו מכובד, המכבד את הבריות"**. אז מען איז מכבד דעם אויבערשטנ'ס נבראים, מען איז נישט מזלזל אין קיינעם, יעדער איינער איז דעם אויבערשטנ'ס א נברא וואס מען דארף מכבד זיין, איז (ער כלול אין) "איזהו מכובד המכבד את הבריות"[יא]. כל־שכן, "כי מכבדי אכבד", אז מען איז מכבד דעם אויבערשטן אליין!

---

**ז.** ישעי' סד, ג.

**ח.** ח"א דף רנ ע"א.

**ט.** שמואל–א ב, ל.

**י.** אבות פ"ד מ"א.

**יא.** עיין ליקוטי הלכות הל' נטילת ידים לסעודה ה"ו אות נ"ח, וז"ל: וזהו, "**איזהו מכובד, המכבד את הבריות**, שנאמר, **כי מכבדי אכבד**, ובוזי יקלו". והוא אינו מובן לכאורה איך מוכח מזה הפסוק שהמכובד הוא המכבד את הבריות? הלא זה הפסוק כי מכבדי וכו' מדבר רק מכבוד ה' יתברך? אך על פי כל הנ"ל מובן ומבואר היטב, ובמאי דפתח התנא מסיים. כי

דער **זוהר הקדוש** אין דער הקדמה ברענגט אראפ[יב], 'בתחילת הבריאה' איז יעדער אות געקומען צום אויבערשטן אז מען זאל מיט אים באשאפן דער וועלט - מען זאל מיט אים אנהויבן דער תורה, און יעדן אות האט דער אויבערשטער פארליבט ווי גוט דו ביסט און ווי שיין דו ביסט, אבער 'דו' קערסט צו 'דעם', און 'דו' קערסט צו 'דעם'.

אז עס איז געקומען דער אות בי"ת, האט דער אויבערשטער געזאגט, "אוודאי, מיט דיר וועל איך באשאפן דער וועלט; דו ביסט 'ברוך', [בי"ת איז **ב**רוך], מיט דיר וועלן אידן מיך בענטשן און מיך דאנקען וואס דער גאנצער תכלית הבריאה איז צוליב דעם!"[יג].

## 'דעת' - זה המכיר את בוראו

עס שטייט אין **מדרש**[יד]: **"אין דעת אלא הכרת הבורא!"**. אויף דעם האט דער אויבערשטער אונז באשאפן - אויף 'הכרת הבורא'. און דאס ווערט, אזוי ווי דער **רבי** זאגט[טו], דורך די תרי"ג מצוות וואס

---

התחיל איזהו חכם וכו', שהוא החכמה והדעת הנ"ל להכיר את ה' יתברך שזה עיקר החכמה, כמו שכתוב "אל יתהלל חכם בחכמתו וכו' כי אם בזאת וכו' השכל וידוע אותי". ועיקר החכמה והדעת הזה הוא לידע ולהאמין כי מלא כל הארץ כבודו וה' יתברך בוחר בעבודת התחתונים שבזה העולם שהם דרי מטה ובהם עיקר התגלות כבודו יתברך וכנ"ל. ועל כן בודאי צריכין לכבד את הבריות, כי בזה מכבד את ה' יתברך, **כי צריך להאמין שבכל אחד מישראל מלובש כבודו יתברך, כי מכל אחד מישראל אפילו הגרוע שבגרועים כל זמן שהוא בכלל האמונה הקדושה** ה' יתברך מקבל ממנו כבוד והתפארות פרטי, כי על ישראל גאותו וכבודו וגדלו כידוע. ועל כן בודאי צריך לכבד את כל אחד ואחד; גם עיין שם הל' ערלה ה"ד אות י"ט.

**יב.** ח"א דף ב ע"ב.

**יג.** עיין רמב"ן עה"ת סוף פר' בא יג, טז, וז"ל: **וכוונת כל המצות** שנאמין באלקינו **ונודה אליו** שהוא בראנו, והיא כוונת היצירה, שאין לנו טעם אחר ביצירה הראשונה, **ואין אל עליון חפץ בתחתונים מלבד שידע האדם ויודה לאלקיו שבראו.**

**יד.** במדבר רבה י, א.

**טו.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ז' אות ג'; גם עיין ליקוטי הלכות הל' שבת ה"ז אות ז': האדם נברא לידע ולהכיר את הבורא יתברך, אבל **אי אפשר לדעת אותו יתברך כי אם על ידי עבודת התורה והמצוות.**

זענען 'תרי"ג עטין דמהימנותא'[טז] (- תרי"ג עצות להאמין בו יתברך). און כל־שכן דורך אזא מצוה (- חנוכה)!

דער **רמב"ם**[יז] זאגט, די דרבנן'ס זענען אויך א דאורייתא, (כמו שכתוב[יח]:) "**עַל פִּי הַתּוֹרָה אֲשֶׁר יוֹרוּךָ**". בפרט א מצוה וואס איז למען די אמונה, למען די פרסום האמונה אויף די ניסים בגשמיות וברוחניות וואס דער אויבערשטער האט אונז געטון[יט].

---

**טז.** עיין זוהר יתרו דף פב ע"ב.

**יז.** ספר המצוות - שורש הראשון.

**יח.** דברים יז, יא.

**יט.** עיין אוסף מכתבים (חלק א' מכתב ל') וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: וזה מתבאר בליקוטי מוהר"ן (תנינא סי' ז) שמשה רבינו ע"ה, ע"י שפעל את בנין המשכן ע"י שביקש 'סלח נא' (סלח-נא לעון העם הזה כגודל חסדך, במדבר יד יט) כן פעל והמשיך את אור החנוכה גם בהיות ישראל בגלות בעת ההסתרה. ומביא שם רבינו שזה מרומז בפסוק "**וירא ה' כי סר לראות**" (שמות ג, ד), כי 'סר' הוא לשון סר וזעף, כי משה נתן לבו בצרתן של ישראל, ופעל אז גם את סגולת החנוכה שהוא בכסליו, שכסליו הוא ראשי-תיבות ו'ירא ה' כ'י ס'ר ל'ראות, זה נמשך אז ע"י משה, שבעת חשכת הגלות יהיה לכל אחד כח לדחות את החושך ע"י האור שמאיר כל אחד במקומו ע"י איזו בחינה שיהי', כגון ע"י קצת לימוד התורה, ע"י קצת תהילים, ע"י קצת קדושה ואמונה בכל עת וזמן כפי ענין המתאים אז. ושם בתורה הנ"ל כתב רבינו שסוד אור החנוכה מרומז בתורה, דכתיב "יאר ה' פניו אליך ויחנך" (במדבר ו, כה) היינו הארת פנים ע"י דחיית החושך, "ויחונך" – ע"י בחי' חנוכה, כנ"ל.
ונחזור לענינינו, בענין הקשר של משה רבינו לאור החנוכה המרומז בתורה זו, כי ע"י 'סלח נא', שעל ידו פעל משה את המשכן מרומז שם גם סוד חנוכה, כי "**סלח נא לעון העם ה'זה כ'גודל ח'סדך ו'כאשר נ'שאתה**" ר"ת חנוכה, ע"ש בסי' ז. ומובא שמשה רבינו ע"ה התנפל לפני השם, והשליך עצמו למעלה ברקיעין כמו שאחד מתנפל בארץ להתעקש על איזה דבר (כמובא לעיל מהמדרש) - כך התעקש משה להמציא תשועה לישראל בכלל ובפרט, לכן זכה להשכין השכינה בישראל ע"י המשכן והביהמ"ק, וכן המשיך את אור החנוכה אח"כ בגלות לכל אחד ואחד מישראל, שיוכל כל אחד להמשיך אור המקדש בכל מקום שהוא, שלא יטבע ח"ו בתוך עומק החושך שכיסה 'פני התהום'. ומובא שהקליפה של היום היא בחי' תהום, כי יש ד' קליפות הכלולים מד' מלכויות; ת'הו וב'הו וח'שך ות'הום, כמובא במדרש (בראשית ב, ד). כמה אנו צריכים להודות שבעקבתא דמשיחא דא אנו יודעים מסוד החנוכה הנמשך ע"י הצדיקים שתקנו לנו, שעל ידי כל מעט עבודת השי"ת והתחזקות באמונתו ובקדושתו, נוכל להאיר לפנינו מזיו כבודו.

## החשיכו עיניהם של ישראל

דאס אליין איז אויך א געוואלדיגער דאנק - אז מיר זענען אידן!

מיר געפינען זיך "כְּשׁוֹשַׁנָּה בֵּין הַחוֹחִים" צווישן אזויפיל סטרא אחרא וואס ווילן אונז פאנגען, זיי ווילן אונז מאכן אומגליקליך. מען שלאגט זיך מיט אונז פון זינט מיר זענען באשאפן געווארן, מיט אזעלכע תאוות, מיט אזעלכע כפירות, מיט אזעלכע מידות רעות.

עס איז דא "**תֹהוּ, וָבֹהוּ, וְחשֶׁךְ, עַל פְּנֵי תְהוֹם**"[כ]. ביי 'תהום', ביי דער לעצטער, זענען שולט סיי 'תוהו' און סיי 'בוהו' און סיי 'חושך'. דער 'תרבות יון' (- גריכישער קולטור), די חכמת יון, קען אפנאַרן א מענטשן צו זיין פארנומען אויף דער וועלט מיט פילאָזאָפיע, וואס דארטן איז דא א 'להט החרב המתהפכת', וואס ווי מען טראכט נאר, ברענגט עס צו היפך האמונה און צו אזעלכע דרכים וואס מען זאל גארנישט טון פאר ה' יתברך, וואס אז מען שטארבט, גייט מען אוועק לגמרי'... נישט נאר ליידיג, נאר הלוואי נישט קיין טויזנט יאר גיהנום...

אט דאס איז דער טייטש "חושך"[כא].

נאר אוודאי, כדי אפצונארן דעם מענטשן קוקט עס אויס זייער שיין...

---

**כ.** בראשית א, ב. ועיין מה דאיתא על זה במדרש בראשית רבה ב, ד. ז"ל: ר"ש בן לקיש פתר קריא בגליות; "והארץ היתה תוהו" - זה גלות בבל, שנאמר (ירמיה ד) "ראיתי את הארץ והנה תהו". "ובהו" - זה גלות מדי (אסתר ו) "ויבהילו להביא את המן". **"וחושך" - זה גלות יון שהחשיכה עיניהם של ישראל בגזירותיהן**, שהיתה אומרת להם כתבו על קרן השור שאין לכם חלק באלהי ישראל. "על פני תהום" - זה גלות ממלכת הרשעה שאין להם חקר כמו התהום, מה התהום הזה אין לו חקר, אף הרשעים כן. "ורוח אלקים מרחפת" - זה רוחו של מלך המשיח, היאך מה דאת אמר (ישעיה יא) "ונחה עליו רוח ה'".

**כא.** עיין ליקוטי הלכות הל' מתנה ה"ה אות נ"א: "והארץ היתה תוהו ובוהו וחושך על פני תהום", שהם בחינת ארבע מלכיות, כמו שדרז"ל. ומבואר בדבריהם ז"ל שמלכות יון הרשעה הם בחינת חושך, ומלכות אדום שהוא הגלות של עכשיו הוא בחינת תהום. **נמצא שמלכות יון הרשעה שמָשְׁלה אז הם בחינת "וחושך על פני תהום" שהם החושך שמכסה על פני**

**צוויי געגנוי די זעלבעביימער**

איך האב געזען אמאל פון דעם **בית לחם יהודה**[כב], אין א ספר פון אים, זאגט ער, אזוי גייט די וועלט; דער 'עץ הדעת' און דער 'עץ החיים' זענען אזעלכע שיינע ביימער - 'הפלא ופלא' ווי שיין - פלאי פלאות; און זיי וואקסן אין איין ערוגה - אז מען קען נישט מיט די 'עינים גשמיים' דערקענען בשום אופן ווער איז דער 'עץ החיים' און ווער איז דער 'עץ המות'. דאס איז דאס. אזוי טוט זיך עס אויף דער וועלט.

כל־שכן נאך דעם חטא פון דעם עץ הדעת, און כל־שכן נאך אזויפיל חטאים און עוונות וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

אז דער אויבערשטער העלפט, ווייסט מען ווי מען דארף זיך פירן אז מען זאל בלייבן 'נצחי', מען ווייסט פארוואס דער אויבערשטער האט באשאפן דער וועלט.

בפרט דורך דער 'חכמת הנסתר' פון דעם גאנצן סיפור פון דער 'שבירה' און דעם 'תיקון', ווייסן מיר אז אונז - מיט אונזער עבודת ה' - ווערן מיר ממש א שותף להקדוש־ברוך־הוא במעשה בראשית!

קיין שום אנדערע חכמה אין דער וועלט האט נישט אויסגעזאגט דעם סוד פארוואס דער אויבערשטער האט באשאפן דער וועלט.

---

**תהום שהוא הגלות הזה שנמשל לתהום.** וכשנופלים באור יום לתהום גם כן מר מאד וקשה לעלות, **מכל שכן כשמתגבר עוד החושך על פני התהום.** וזה היה כונת מלכות יון הרשעה אז שהם בחינת וחושך שעל פני תהום, שרצו להגביר החושך מאד להסמיך הגליות יחד שיחרב הבית מיד כדי שיתגבר החושך על פני התהום כדי שלא יוכלו ישראל לעלות ולצאת ח"ו.

**כב.** להגאון המקובל רבי יהודה פתייא מבאגדאד ובסוף ימיו בירושלים. עיין ספרו מנחת יהודה פר' בראשית פרק ח'; גם עיין רמב"ן עה"ת בראשית ב, ט.

**'נִפְתְּחוּ הַשָּׁמַיִם וָאֶרְאֶה מַרְאוֹת אֱלֹקִים'**

די זאך איז - דאנקען ה' יתברך; **"כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָ-הּ"**[כג] - **'על כל נשימה ונשימה'!**[כד] א מענטש הערט, א מענטש זעט, א מענטש טראכט, ער האט רמ"ח איברים ושס"ה גידים - עס איז דאך ממש פלאות!

אפילו מען זאל לעבן טויזנט יאר; ווי שטייט[כה] - **"לוּ יִחְיֶה גְּבַר שְׁנִין אַלְפִין, לָא יֵעוֹל גְּבוּרְתֵּךְ בְּחוּשְׁבְּנַיָּא"**. און דאס איז נאך אסאך קלענער ווי א גוזמא. עס האט נישט קיין גבול, עס האט נישט קיין גבול וואס ליגט אין יעדעס פרט פון דער חכמת העולם, עס איז **"מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ"**.

כל־שכן אין א מענטש; דאס איז דאך פלאי פלאות, אין א מענטש איז דא טויזנטער מאשינען, מורכב מיט גוזמאות מיליאנען ענינים, וואס מען וועט קיינמאל נישט משיג זיין ווי עס איז משולב; וויפיל מען וועט משיג זיין - וועט מען נישט משיג זיין; א מענטש איז אזוי גרויס!

נאך דעם קומט א איד וואס ער האט א גרויסער שורש למעלה!

און ער גייט אוועק פון ה' יתברך?!

אים נאַרט מען אפ?!

דאס איז חושך!

מען פירט אים לכליון ולאבדון!

אט דאס הייסט חושך![כו]

---

**כג.** תהלים קנ, ו.

**כד.** בראשית רבה יד, ט.

**כה.** זמר "קה רבון עלם" לר' ישראל נאג'רה.

**כו.** עיין ליקוטי הלכות הל' חזקת קרקעות ה"ה אות ט"ז, וז"ל: **ובודאי נעלם בחכמתו יתברך רזין עלאין בכלל ובפרט בכל פרטי הבריאה בכל איבר ואיבר של כל בעל חי ובכל עשב ועשב ובכל פרט ופרט.** אבל 'והארץ היתה תוהו ובוהו וחושך על פני תהום' בחינת ארבע

אז דער אויבערשטער העלפט, ווייסט מען פון דער הייליגער אמונה הקדושה וואס דאס פירט דעם מענטשן צו דעם אמת, דאס פירט דעם מענטשן צו דעם וועג וואס דער גאנצער גילוי לעתיד פון **"וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ"**[כז] וועט אלץ זיין בזכות די אידן וואס האלטן זיך אין ה' יתברך מיט דעם 'אור האמונה בתוך החושך'.

עס שטייט[כח]: **"לְהַגִּיד בַּבֹּקֶר חַסְדֶּךָ וֶאֱמוּנָתְךָ בַּלֵּילוֹת"**. די אמונה ווערט נמשך פון 'ספירת המלכות' וואס אלע אונזערע נשמות זענען פון דארטן.

יעדער איינער האט אמונה, יעדער איינער קען האבן אמונה, און די אמונה קען ווערן שטארקער און שטארקער און שטארקער בלי־גבול! מען קען צוקומען - אזוי ווי **רבי נתן** זאגט[כט] - **"נִ'פְתְּחוּ הַ'שָּׁמַיִם וָ'אֶרְאֶה מַ'רְאוֹת אֱ'לֹקִים"** איז די ראשי תיבות 'אמונה'! ווייל דורכדעם, נאר דורכדעם, קומט מען צי צו "נפתחו השמים ואראה מראות אלקים"![ל].

---

מלכיות, כמו שדרז"ל שהם יונקים מחכמות נפולות שמהם כל החכמות חיצוניות של העולם, הן של המחקרים והפילוסופים, הן חכמות של שטות ושקר של שאר העולם ומשם כל הגליות שבאו על ידי זה כידוע וכמבואר במקום אחר (סימן מא). **ועיקר הצרה הוא על ידי החושך שעל פני תהום שמרמז על הגלות הארוך הזה הנקרא תהום**, כמו שמובא במדרשים, כי עכשיו נתפשטו חכמות רעות הנ"ל מאד והם בחינת תהום ממש כנ"ל. ועל ידי כל זה על ידי בחינת תוהו ובהו וחושך וכו' הנ"ל, על ידי זה נסתר ונעלם מאד מאד כל הרמזים ורזין עלאין המאירין בכל הבריאה בכלל ובפרט.

**כז.** יחזקאל מג, ב.

**כח.** תהלים צב, ג.

**כט.** עיין הקדמת ספר ליקוטי הלכות חו"מ ח"א, וז"ל: מי שיש לו אמונה שלימה, הרי זה כאילו רואה בעינים את הדבר שמאמין בו. ועל־כן מי שזוכה לאמונה שלימה, הרי כל השמים פתוחים לפניו ורואה מראות אלקים עין בעין מחמת תוקף אמונתו השלימה באמת. וזהו: אותיות "אמונה" ראשי־תיבות: "נ'פתחו ה'שמים ו'אראה מ'ראות א'לקים" (יחזקאל א, א), היינו כנ"ל.

**ל.** עיין "נוצר חסד" (קאמארנא) על מסכת אבות פ"ו, אות ח', וז"ל: וכן עשה (הבעש"ט) כמה דברים נפלאים, לא נראה ולא נשמע מימות תנאים רבי שמעון בן יוחאי ורבי חנינא בן דוסא וחבריו. וכל זה על ידי דביקותו בכל רגע באלהיו, וכל זה הוא חלק קטן כטפה לכל מעשה

דער גאנצער גילוי לעתיד, די גאנצע שמחה לעתיד, וועט זיין פון יעדעס פרט, פון יעדער ברכה, פון יעדער מצוה, פון יעדעס פארמאך דעם אויג וואו מען טאר נישט, יעדע זאך וואס מען טוט נישט וואס מען טאר נישט, אט דאס בויעט אויף דעם גאנצן בית המקדש!.

## 'סגולת ישראל על כל העמים'

כ'האב די וואך געזאגט ערגעץ; משה רבינו האט געזאגט[לא]: "**לְמַעַן תֵּדַע כִּי אֲנִי ה' בְּקֶרֶב הָאָרֶץ**". עס שטייט פון **בעל־שם**[לב], אזוי ווי מען איז געווען אין גלות מצרים וואס מען האט געהאט צרות אין מצרים, מען איז געווען אונטער זייערע הענט, מען האט געמוזט ארבעטן 'עבודת פרך', [דריי־און־אכציג יאר נאכאנאנד איז געווען די 'טביעת ילדים' רחמנא ליצלן], אזוי איז מען (בעיקר) געווען אין גלות אונטער דעם 'דעת' פון פרעה.

'דעת פרעה' איז היפך השגחה.

---

הגדול שעשה מרן לעיני כל ישראל בלי שום שם, **כי מימיו לא נשתמש בשום שם**. וסיפר שבעת היותו עדיין קטן, ולמד לו רבו המובהק אחיהו השלני הנביא כל השתמשות השמות להבין ולהורות, ומחמת שהיה קטן חשק לראות אם בכוחו לעשות איזה פעולה, והניח חתיכות בגד על הנעסטיר ועבר הנעסטיר בשם, ועל זה עשה תשובה כל ימיו, והרבה תעניתים על זה לתקן פגם זה, וסוף תיקון זה שהיה נצרך פעם אחת לעבור הנעסטיר מחמת סכנת מות של הישמעאלים, והניח חגורה על הנעסטיר ועבר הנעסטיר **בלי שום שם, אלא באמונה גדולה באלקי ישראל**. ע"כ. עיין גם "דגל מחנה אפרים" פר' וישלח; ועיין "לקט אמרים" (ח"א מאמר אומנתו של אדם בעוה"ז) מה שהאריך מורינו הגה"צ שליט"א בענין זה.

**לא.** שמות ח, יח.

**לב.** עיין תולדות יעקב יוסף סוף פר' וישלח, וז"ל: **שמעתי ממורי כי ענין גלות מצרים היה שחסר מהם הדעת שיֵדעו להכריע שיש בורא אחד**; גם ראה ספר "אוצר החיים" (קאמארנא) פר' בהר, וזל"ש: **שמעתי ממורי** ענין גלות מצרים, **וכן גלות המר הזה** דעיניו כיונים דעבדין אונאה (זוה"ק האזינו דרצ"ג ע"ב) שהרשעים סוברים שהעולם הפקר, ודרך רשעים צלחה, הכל מחסרון הדעת היה, **וגלות מצרים היה שלא ידעו להכריע שיש לעולם בורא אחד מלא כל הארץ כבודו המחדש בטובו בכל יום מעשה בראשית**, עד שבא משה בחינת הדעת, **ועל ידי הנסים שעשה נתפרסם בעולם שיש בורא והבורא משגיח בהשגחה פרטיית על כל פרט ופרט ועל כל פסיעה ופסיעה ועל כל דיבור ודיבור**, וכו' עיין עוד שם בפנים.

ער האט געגלויבט אז עס איז דא א גאט[לג], נאר "עָזַב ה' אֶת הָאָרֶץ"[לד], דאס איז די ריכטיגע כפירה.

כ'האב געזען אין **ארחות חיים** פון דעם רא"ש[לה]; ער רעדט פון בטחון און פון אמונה בהשגחה פרטית אז אלץ טוט זיך פון דעם אויבערשטן, אלץ טוט זיך פון אויבערשטן. זאגט ער, "דו זאלסט וויסן, אט די זאך איז א **סגולה לישראל על כל העמים**" - די אמונה אין השגחה פרטית - "**וזה יסוד כל התורה כולה!**".

"**כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה**"[לו]; יעדע מצוה, יעדער 'לא תעשה' רייבט אפ די קליפות וואס זיי שטערן דער אמונה; די מצוות בויען אויף דער אמונה.

## דער גן־עדן פון א איד - לויבן און דאנקען!

דער גאנצער גילוי וואס וועט זיין ביי יעדן מענטשן לעתיד פון נהנה זיין פון 'זיו השכינה' - וועט זיין 'תודה והודאה'; מען וועט אזויפיל דאנקען וואס מען האט זוכה געווען צו וויסן פון אזא גאט, אז דאס אליין וועט זיין דער גרעסטער 'זיו השכינה'![לז]

---

**לג.** עיין דגל מחנה אפרים, פר' בא, ד"ה ויושב, וז"ל: איתא בזוה"ק פרשת בשלח **שפרעה לא ידע כלל מן שם הוי"ה ב"ה** שהוא משדד המערכות והוא שולט למעלה מן דרך הטבע **רק ידע משם אלקים שהוא מספר הטבע**. ובדרך הטבע מעולם לא יצא עבד ממצרים מבית האסורים כמאמרם ז"ל (מכילתא י"ח, י"א) והוא שאמר **לא ידעתי את ה'** ולכך וגם את ישראל לא אשלח.

**לד.** יחזקאל ח, יב.

**לה.** ליום ראשון אות כ"ו, וזל"ש: **לבטוח בה' בכל לבבך ולהאמין בהשגחתו הפרטית**. ובזה תקיים בלבבך היחוד השלם בהאמין בו כי עיניו משוטטות בכל הארץ ועיניו על כל דרכי איש ובוחן לב וחוקר כליות, כי מי שאינו מאמין "אשר הוצאתיך מארץ מצרים", אף "באנכי ה' אלקיך" אינו מאמין. ואין זה יחוד שלם. **כי זה הוא סגולת ישראל על כל העמים, וזה יסוד כל התורה כולה.**

**לו.** תהלים קיט, פו.

**לז.** עיין ליקוטי הלכות הל' נזיקין ה"ד אות ל"ג: **עיקר תכלית כל ההשגות - לזכות להודות ולהלל לשמו הגדול ית'**, כי עיקר כל הברכות וההודאות הם על ידי השגות אלוקות.

הודאה, הודאה!

קומט אויס, אויף יענער וועלט איז דא צוויי זאכן (- 'להודות ולהלל', 'ולהכיר אותו יתברך')[לח].

דער **רבי** זאגט, פון יעדער הלכה וואס מען לערנט, פון יעדער דבר הלכה, פון יעדעס דין פון 'כל משפטי התורה בין אדם לחבירו', וועט ווערן לעתיד 'השגות אלהות'[לט]; און אז מען וועט האבן אזעלכע 'השגות', וועט מען דאך 'דאנקען' וועגן די השגות, וועט מען אים געבן נאך 'השגות', וועט מען אים נאך מער 'דאנקען' פאר די השגות (וכן חוזר חלילה)[מ]. אט דאס איז דער ענין פון חנוכה - דער ענין פון 'תודה והודאה'.

## דער תכלית איז נישט דער נס

דערפאר טאקע זעט מען, ביי די מכות שטייט עטליכע מאל **"למען תדע כי אני ה' בקרב הארץ"**, ווייל דאס איז געווען די מלחמה פון משה מיט פרעה'ן, **אז עס זאלן אויסשרייען 'דומם צומח חי מדבר'**

---

**לח.** עיין ליקוטי מוהר"ן תנ' ב', וז"ל: **ימי חנוכה הם ימי הודאה**, כמו שכתוב: 'וקבעו שמונת ימי חנוכה אלו להודות ולהלל' וכו'. וימי הודאה זה בחינת שעשוע עולם הבא, **כי זה עיקר שעשוע עולם הבא, להודות ולהלל לשמו הגדול יתברך, ולהכיר אותו יתברך**, שעל ידי זה סמוכים וקרובים אליו יתברך, כי כל מה שיודעין ומכירין אותו יתברך ביותר, סמוכים אליו ביותר.

**לט.** עיין ליקוטי הלכות הל' ראשית הגז ה"ג אות י"ט, וז"ל: שלימות הדעת שיתגלה לעתיד שאז ישיגו כל הלכות התורה בתכלית הבירור לאמיתתן **וגם יבינו אז כל פנימיות סודות של כל ההלכה והלכה איך לדבק את עצמו וליכלל בו יתברך על ידי כל דין ודין של כל הלכה והלכה** בבחינת 'כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן העולם הבא'. כי כפי היגיעה שהיה לו בעולם הזה ללמוד ולשנות הלכות כן יזכה לעולם הבא שהוא השגת דעת פנימיות וסודות ההלכות שזה עיקר בחינת עונג שבת שהוא תענוג ושעשוע עולם הבא.

**מ.** עיין ליקוטי הלכות הל' פריקה וטעינה ה"ד אות מ': כל מה שמספרים ביותר ומודים ומשבחים אותו יתברך ביותר, כן נמשכים כל התיקונים הנ"ל ביותר, שעל ידי זה חוזר ונגדל ההודאה ביותר וכו' וכן חוזר חלילה לטובה כנ"ל.

**און 'אש מים רוח עפר' - אז דער אויבערשטער פירט דער וועלט!** דער גילוי - אז אלץ איז פון דעם אויבערשטן!

א נס איז נישט דער תכלית דער נס, נאר דורך דעם נס ווערט ליכטיג אין די אויגן אז 'אין עוד מלבדו'![מא]

טאקע איידער משה רבינו איז געגאנגען צו די אידן, שטייט[מב]: **"וַיִּקְרָא אֵלָיו אֱלֹקִים מִתּוֹךְ הַסְּנֶה"**. משה רבינו האט דאך געהאט זיין הייליגן צינור פון וואו עס האט זיך אים געעפנט די שפע הנבואה וואס ער האט גערעדט מיט גאט ברוך־הוא - ווער האט א השגה אין משה'ס נבואה?! 'אספקלריא המאירה'![מג] האט דער אויבערשטער אים געוויזן אז די גאנצע שפע הנבואה האט זיך אים געעפנט פון דער סנה - **"ללמדך שאין מקום בארץ פנוי מן השכינה!"**[מד].

---

**מא.** וכלשונו הקדוש של הרמב"ן הידוע בסוף פר' בא, וז"ל: ולכן יאמר הכתוב במופתים **למען תדע כי אני ה' בקרב הארץ** (לעיל ח יח), להורות על ההשגחה, **כי לא עזב אותה למקרים** כדעתם, ואמר (שם ט כט) **למען תדע כי לה' הארץ**, להורות על החידוש, כי הם שלו שבראם מאין ואמר (שם ט יד) **בעבור תדע כי אין כמוני בכל הארץ**, להורות על היכולת, שהוא שליט בכל, אין מעכב בידו, **כי בכל זה היו המצריים מכחישים או מסתפקים**, אם כן האותות והמופתים הגדולים עדים נאמנים באמונת הבורא ובתורה כולה ... **ומן הנסים הגדולים המפורסמים אדם מודה בנסים הנסתרים - שהם יסוד התורה כולה**; וכן מבואר גם בספר משך חכמה (ויקרא כו ד), וז"ל: ולמען שלא יטעה האדם וישכח בורא ומסדר ומשגיח מהטבע, ויחשוב לרוב הרגלו כי הטבע היא בעצמה, להפרידה מיוצרה, **לכן יש ניסיים, אבל אינם תכליתיים**, והנסים הוא רק להעיר לבות בני אדם על מפעלות הבורא ב"ה בהטבע, כי היא ידו והשגחתו הטהורה.

**מב.** שמות ג, ד.

**מג.** גמ' יבמות מט ע"ב.

**מד.** במדבר רבה יב, ד, וז"ל: שאל גוי אחד את ר"י בן קרחה, מה ראה הקב"ה לדבר עם משה מתוך הסנה, אמר ליה, אילו מתוך חרוב או מתוך שקמה - כך היית שואלני, אלא להוציאך חלק אי אפשר. **למה מתוך הסנה? ללמדך שאין מקום פנוי בלא שכינה - אפילו סנה.**

אט דאס האט ער געוויזן מיט די מכות - אין 'אש', אין 'מים', אין 'רוח', אין 'עפר'; ער האט געוויזן "למען תדע כי אני ה' בקרב הארץ"![מה]

איך פיר דער וועלט!.

## דאס אידישע גלויבן!

עס איז דא א **ירושלמי** אין ברכות, דאכט זיך אין דף ט' ע"ב[מו]; מיר ענדיגן קריאת שמע מיט "אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם"; נאך דעם הויבט זיך אָן די ברכה פון 'אמת ויציב'. איז וויבאלד עס איז דא א פסוק[מז] "**וַה' אֱלֹקִים אֱמֶת**", האט מען מתקן געווען, היות מען זאגט שוין 'אני ה' אלקיכם', אז מען זאל צולייגן דעם "אמת" פון יענעם פסוק צו דער פרשה.

פרעגט דער ירושלמי: "**מהו אמת? אמר רבי אבין, ש'הוּא אֱלֹקִים חַיִּים וּמֶלֶךְ עוֹלָם'!**"[מח].

לכאורה וואס איז דא די קשיא און וואס איז דא דער תירוץ? ער פרעגט א קשיא 'מהו אמת', און ער ענטפערט אים 'שהוא אלקים חיים ומלך עולם!'?

נאר די קשיא איז אזוי; אז איינער זאגט אז דאס איז א טיש, דארף ער דען זאגן אז דאס איז אַן "אמת'ער" טיש? אז עס איז א טיש, איז עס אמת, אז נישט - וואס זאגסטו... אז איך זאג אז 'דאס איז א ספר', 'דאס איז א שטענדער', דארף איך דען צולייגן אז דאס איז

---

**מה.** עיין קדושת לוי פר' וארא, וז"ל: ובמכות ערוב הודיע לו לפרעה '**והפלתי ביום ההוא וכו' לבלתי היות שם ערוב למען תדע כי אני ה' בקרב הארץ**'. רצה לומר, שאפילו בטבעיים שם כבודי וזו 'בקרב הארץ' דייקא.

**מו.** פ"א ה"ה.

**מז.** ירמי' י, י.

**מח.** סיום פסוק "וה' אלקים אמת" הנ"ל.

"אמת", מען זעט דאך אז דאס איז א שטענדער? נישט אזוי רעדט מען... אז מען וויל זאגן אז דאס איז א פענע, זאגט מען אז 'דאס איז א פענע'; מען דארף דען זאגן עמיצן אז דאס איז אַן "אמת'ע" פענע? - אט דאס פרעגט דער ירושלמי - "מהו אמת?" - וואס איז דער "וה' אלקים **אמת**"?

(והתירוץ על זה היא, בהקדם) אין **זוהר** שטייט[מט], אַן אור וואס געפינט זיך אין א פלאץ, און ער גייט איבער אין אַן אנדער שטח, אין אַן אנדער עולם, איז כלפי דעם עולם הייסט עס אז עס איז געשטארבן, ווייל ער איז נישטא דא, ער איז אין אַן אנדער פלאץ. ער ברענגט דארט א ראיה פון א פסוק - א גאנצער זוהר וועגן דעם.

די אפיקורסים וואס האבן געזאגט "עזב אלקים את הארץ", אז דער אויבערשטער האט באשאפן דער וועלט און ער האט עס געלאזט על־פי מקרה (ח"ו), איז פשט (לויט זיי) אז דער אויבערשטער לעבט נישט דא, זיי גלויבן אין אויבערשטן, אבער דער אויבערשטער לעבט נישט, ווייל ער איז נישט דא חס ושלום.

אט דאס האט ער געפרעגט, "מהו **אמת**". (און אויף דעם ענטפערט ער:) "שהוא אלקים **חיים** ומלך עולם". דער **רבי** זאגט[נ]: **'חיים'** איז **'אמת'**; "מיתה" איז "שקר".

ער איז דא און ער לעבט - פריש!

אלץ טוט ער! אלץ מאכט ער!

ער איז מושל אין 'דומם צומח חי מדבר'!

קיין זאך אין דער וועלט גיט זיך נישט קיין ריר אָן ה' יתברך!

דער אויבערשטער לעבט!

עס איז נישט קיין פאבריק וואס ארבעט זיך עפעס פון זיך אליין...

---

**מט.** פר' נשא קלה ע"ב.

**נ.** ליקוטי מוהר"ן סימן כ"ג.

"שהוא אלקים **חיים** ומלך עולם" - אט דאס הייסט **אמת**! דאס איז די אידישע אמונה! אויף דעם איז מען באשאפן געווארן! דער גאנצער תיקון פון אלע עולמות איז אז מיר זאלן אים ממליך זיין אויף דער וועלט, וואס אז אט דער גילוי זאל קומען אויף דער וועלט - זענען אלע עולמות ליכטיג עד אין־קץ!

אט דאס איז די אידישע אמונה![נא].

## וואס איז געווארן פון די אלע מתיוונים?

די אידן די מתיוונים - וואס איז געווארן פון זיי? וואס איז געווארן פון זיי? זיי האבן זיך געלאזט פארפירן פון דער 'תרבות יון' מיט 'חכמת יון', און זיי זענען דורכגעגאנגען דער וועלט אפלאזנדיג דעם

---

**נא.** וכלשונו הק' של הרמב"ן סוף פר' בא שהזכרנו לעיל, וזה מה שכתב שם בהמשך: **שאין לאדם חלק בתורת משה רבינו עד שנאמין בכל דברינו ומקרינו שכולם נסים, אין בהם טבע ומנהגו של עולם, בין ברבים בין ביחיד**; גם עיין באריכות מזה בליקוטי הלכות הל' משא ומתן ה"ד אות ג', וזל"ש בא"ד: עיקר הפגם של העובדי כוכבים והכופרים הוא שאין מצמצמין עיני דעתם לה' יתברך, כי **באמת רובם ככולם מאמינים במציאת ה' יתברך, אבל עיקר הכפירות שלהם הוא בהשגחה הפרטיות**, כי אומרים שה' יתברך גדול ונעלה ומרומם ונשגב כל כך עד שאי אפשר לצייר בדעת שה' יתברך ישגיח בזה העולם בהשגחה פרטיות. ועל ידי זה כופרים בכל התורה כולה התלוי בזה ... **אבל ישראל עם קדוש** הם מצמצמים דעתם ומכוונים דעתם בכוון גדול לה' יתברך לבד שיודעים באמונה שלימה מגדולת ה' יתברך ורוממותו הנורא שהוא מרומם ונשגב מאד מאד מכל מיני רוחניות שבכל העולמות. ומכל שכן מגשמיות העולם השפל הזה. **ואף על פי כן** הוא יתברך בעצמו משגיח בהשגחה פרטית על כל העולם השפל הגשמי הזה; גם עיין שם הל' שבועות ה"ב אות ב', וז"ל: **וזהו עיקר החילוק שבין ישראל לבין הכופרים והמחקרים, כמו ששמעתי מפי אדמו"ר ז"ל**, שהמחקרים חקרו בגדולת הבורא יתברך עד שהשיגו כמו שהוא האמת שאי אפשר להשיגו ולהבינו בשום אופן בשום מחשבה ודעת ושכל, כי לית מחשבה תפיסא ביה כלל. אבל זה אי אפשר להשיג ולהבין בשכלם איך שייך איזה מצוה ועבודה לעבדו יתברך בהם, כי זה אי אפשר להם להשיג בדעתם כלל, **וזה עיקר כפירתם**, ומחמת זה הם רחוקים מהאמת כל כך, כי עיקר אמונה השלימה הוא אמונת ישראל עם קדוש שזכינו לקבל את התורה הקדושה על ידי משה רבינו ע"ה, **שעיקר יסודה להאמין שאף על פי** שה' יתברך מרומם ומנושא מכל העבודות של האדם, **אף על פי כן** הוא חפץ בעבודתנו, כמו שכתוב, ואביתה תהילה מגושי עפר וכו' רק שאי אפשר להבין זאת בשכל.

'מלך חי וקיָם', און ארייננעגאנגען אין גיהנום רחמנא ליצלן... אפשר האט זיי זיך געדאכט אז זיי האבן די וועלט.

עס שטייט פון **בעל־שם** א מורא'דיגע זאך[נב], אמאל פלעגט דער בעל־דבר משחד זיין א מענטשן מיט דער וועלט, ער האט אים איינגערעדט אז ער זאל אפלאזן דעם אויבערשטן, און ער האט אים געגעבן דער וועלט - און צוגענומען דערנאך יענער וועלט - דער אויבערשטער זאל אפהיטן; אבער היינט - זאגט דער בעל שם הקדוש - איז ער משחד א מענטשן אויף דער וועלט, און ער נעמט אים נאכער צו דער וועלט מיט יענער וועלט...

ער איז געווארן קלוגער, ער איז דען געטריי דעם מענטש? ער וויל דאך אים נאר משחד זיין; קלערט ער - איך דארף אים נישט משחד זיין די אלע יארן, איך וועל אים גיבן א גוטן שוחד איינמאל - און אים מאכן אומגליקלאך...

נאכער אז ער וויל תשובה טון, איז ער מיואש - דער בעל־דבר לאזט אים נישט תשובה טון; דער וואס האט אים איינגערעדט צו זינדיגן, דער רעדט אים איין אז עס העלפט נישט זיין תשובה!

אויף דעם איז דאך באשאפן געווארן דער הייליגער "ליקוטי הלכות" און דער הייליגער "ליקוטי מוהר"ן" - אויף צו מחזק זיין![נג].

---

**נב.** מובא בתולדות יעקב יוסף פרשת נח, וז"ל: **שמעתי** כי **לשעבר** היה היצר הרע רק לדחותו מעולם הבא, **מה שאין כן עתה** נתחכם לדחות את האדם מעולם הזה ומעולם הבא, כגון טרדת הפרנסה אשר יומם ולילה לא ישקוט, ואין לו מנוחה בעולם הזה, ומכל שכן שאין לו פנאי לפקח בעניני עולם הבא **ונדחה משניהם** וכו'. הובא בספר בעש"ט על התורה פר' בראשית אות קמ"ד.

**נג.** עיין לדוגמא מה שכתב מוהרנ"ת על זה בליקוטי הלכות הל' עדות ה"ה אות י"ד: והוא המסית הוא המדיח המסטין, שבתחילה מסית לאדם מה שמסית, ואחר כך הוא מסטין למעלה ולמטה. וכמו שהוא מסטין ומקטרג למעלה להרחיק רחמיו מישראל ח"ו, כמו כן הוא מסטין ביותר בלב האדם כאילו כבר אפס תקוה ח"ו. ובאמת רחמיו יתברך אינם כָּלים כאשר הבטיחנו כמה פעמים בלי מספר.

**הבוחר בשירות ותשבחות**

על־כל־פנים, דאס איז די זאך וואס מען דארף זיך באנייען אין חנוכה - דער דיבור האט א מורא'דיגן כח, דער דיבור האט א מורא'דיגן כח, **"אמונה תולה בפה של אדם"**[נד], רעדן הייליגע דיבורים, רעדן!

מיר דארפן וויסן, די מאה־ברכות איז א גרויסער יסוד, עס איז א סוד עליון מאד, עס איז נאך מסיני[נה], משה רבינו האט שוין געוואוסט אז **"מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה"**[נו] איז דער טייטש - 'מאה ברכות'[נז].

מיר זאגן אלע טאג "הַבּוֹחֵר בְּשִׁירֵי זִמְרָה מֶלֶךְ יָחִיד חֵי הָעוֹלָמִים", 'הבוחר בשירי דוד'. ברוך ה', מיר האבן א דאווענען מיט הילולים, מען זאגט הלל.

מ'דארף דאנקען און דאנקען, דאס איז א געוואלדיגע קרבת אלקים, א געוואלדיגע קרבת אלקים. אז מען דאנקט, קומט שפע און נאך שפע און נאך שפע.

טאקע, [מ'האמיר פארגעסן עס ארייינצושרייבן אין דעם ספר[נח]], אז מען מאכט א ברכה בכוונה, מען דאנקט דעם אויבערשטן - איז אויף דעם מענטשן גייט ארויף "כי מכבדי אכבד"; אז דו ביסט מיר מכבד אין אלע עולמות, דו מאכסט א ברכה - וועל איך דיר מכבד זיין.

---

**נד.** ליקוטי מוהר"ן תנ' סי' מ"ד; ספר המידות ערך אמונה אות י'.

**נה.** עיין ספר המנהיג – דיני תפילה.

**נו.** דברים י, יב.

**נז.** גמ' מנחות דף מג ע"ב.

**נח.** ה"ה ספר 'המברך יתברך' שיצא לאור בראשונה ע"י מורינו הגה"צ שליט"א שנת תשס"ו לפ"ק, ועד עתה הדפיסו אותו כמה וכמה פעמים, ובכמה וכמה מיני לשונות ולעזות.

חלילה, אז מען מאכט נישט קיין ברכה, צי א ברכה וואס איז א גנאי, מען כאפט עס אפ אָן כוונה צו-וואס, איז "**וּבֹזַי יֵקָלּוּ**"[נט] רחמנא ליצלן.

דאס איז דער גאנצער 'אור' און דער גאנצער 'חושך'. מיר האבן דאך א תורה הקדושה; אז מען לערנט די תורה און מען פארשטייט די תורה, און מען ווייסט וואו צו גיין און וואס צו טון, אט דאס איז "ליכט"; אבער אז דער יצר הרע רעדט דיר איין וואס צו טון און מען פארגייט פון ה' יתברך, דאס איז 'חושך' - 'חושך אפילה' איז דאס.

לעתיד אז עס וועט טאקע זיין "והארץ האירה מכבודו", דעמאלס וועט מען טאקע גוט פארשטיין וואס איז געווען דער 'חושך' און וואס איז געווען דער 'אור'.

## נישטא קיין אנדערע ידיעה

מען זאגט א ווארט פון **קאצקער רבי'ן** זי"ע. בדרך כלל איז ער געווען אסאך פארמאכט, נאר אמאל האט ער געקענט געבן אַן עפן דעם טיר און אריינגיין אין בית המדרש, און ער פלעגט על־פי־רוב זאגן תוכחה, ער פלעגט שרייען, (וכדו').

אמאל איז ער אריינגעגאנגען אין בית המדרש. זענען געזעצן דריי גרויסע תלמידים גדולי עולם. האט ער זיי געגעבן א קוק אָן, און ער האט זיי געזאגט: "יעדער איינער זאל זאגן א גוט ווארט".

האט זיך איינער אנגערופן: "**וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל הָאָרֶץ מִתָּחַת - אֵין עוֹד!**" - עס איז נישטא קיין אנדערע ידיעה![ס].

---

**נט.** סיום פסוק 'כי מכבדי אכבד'.

**ס.** עיין ספר 'מגדולי התורה וחחסידות' (עמוד לא) וז"ל: ומספר רבי העניך (- ה"ה הרה"ק רבי חנוך העניך הכהן לוין מאלכסנדר ז"ל): פעם היותי בקאצק ועמדתי בבית המדרש הגדול בחבורה עם החידושי הרי"ם עם הרשלי דישקס ועם ר' הירש בר גרבוביצר, ודיברנו דברי תורה

**"דעת קנית - מה חסרת?! דְּדָא בֵּיהּ - כּוּלָּא בֵּיהּ!"** [סא]

נישטא קיין אנדערע ידיעה!

אויף דעם איז סובב דאס גאנצע איד, די גאנצע תורה, די חנוכה ליכט, אלע מידות טובות, אלץ אלץ איז כלול און ענפים פון דער זאך.

דאס איז דער טייטש - "א איד"!

## מען בענקט, און מען ווארט, און מען וויל...

עס איז געווען רחמנא ליצלן א 'רוח סערה גדול בשעתו' (בתקופת היוונים) מורא'דיג אין דער וועלט, עס זענען געווען מתיוונים ביי אידן

---

וחסידות, פתאום שמענו קולו של הרבי שואל את משמשו; פייבל, מי נמצא כאן? ופייבל משיב ומונה לפניו את שמות ארבעתנו. נכנס הרבי, ניגש אלינו, ואמר שרוצה שכָּל אחד מאתנו יאמר דבר תורה. פתח החידושי הרי"ם ואמר וכו', אחריו פתח ואמר **ר' הרשלי דישקס:** כתוב **"וידעת היום והשבות אל לבבך כי ה' הוא האלקים וגו' אין עוד"** (דברים ט, לט), כפשוטו הוא שאין עוד אל אחר. ואני אומר כי "אין עוד" נאמר גם על "וידעת היום והשבות אל לבבך", כי אין עוד שום ידיעה אחרת חוץ מידיעה זו, ע"כ. עיין עוד שם; גם עיין אמת ואמונה (קאצק): "וידעת היום וגו' **אין עוד**". הפירוש, שאין בכל מציאות העולם שום מציאות בלתי מציאותו יתברך לבד, **וכל מה שאדם רואה בעיניו הגשמיות אינה מציאות כלל**, כי רק מה שרואה בעיניו השכליות זוהי מציאות; גם עיין בדרשות המהר"ל לשבת הגדול, וז"ל בא"ד: וכן אמר הכתוב "וידעת היום והשבות אל לבבך כי ה' הוא האלקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת - **אין עוד**". ואין פירוש "אין עוד" כי אין עוד אלהים, אבל פירושו כי **אין עוד דבר בעולם רק הש"י**, כי כל הנבראים לא נבראו אלא למענהו יתברך, ואם לא כן לא היה נברא אותו נברא בעולם, רק הכל נברא בשביל לשבֵּחַ ולפאר יוצרו ולעבדו, לפיכך אמר "אין עוד", כלומר, כי **אין בריאה עוד בנמצא, רק הכל הוא לשבח ולפאר הש"י**, עכל"ש; גם עיין ליקוטי הלכות הל' מתנה ה"ב אות ב', וזל"ש: **וכן ראיתי בשל"ה** (עיי"ש תולדות אדם, בית הבחירה, אות רצ"ו) שפירש כן הפסוק הנ"ל 'וידעת היום והשבות אל לבבך כי ה' הוא האלקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד', ולפי פשוטו הכוונה שאין עוד אלקים זולתו יתברך, **אבל הוא ז"ל פירש** שהכוונה שצריך לדעת ולהשיב אל לבו שרק ה' הוא האלקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת, **ואין עוד שום נברא ושום נמצא כלל, כי הכל אַין ואפס ממש והכל בטל במציאות ממש נגדו יתברך.**

**סא.** נדרים מא ע"א.

וואס זיי האבן אריינגעברענגט א רוח טומאה רחמנא ליצלן, אידן זענען געקומען דורכדעם צו אפיקורסות, צו שמוץ, רחמנא ליצלן, אפגעריסן פון ה' יתברך.

דער אויבערשטער האט געהאלפן; מען מאכט א יום טוב וואס מיר זענען געבליבן אידן!

עס ווערט טאקע געבראכט פון **רמב"ן** - מיין **טאטע**[סב] האט מיר דאס איבערגעזאגט[סג]; דאס וואס איז א מצוה צו מזכיר זיין צוויי מאל אלע טאג 'יציאת מצרים', איז כדי אריינצונעמען אין הארצן אז דער אויבערשטער קען מיר ארויסנעמען פון מיינע מצרים ברוחניות

---

**סב.** ה"ה **הרה"ח רבי דוד** ב"ר יעקב גדלי' **שעכטער ז"ל**, נולד בשנת תר"ס בעיר העתיקה בירושלים, והתייתם מאביו כבן ארבע עשר וחצי בערך, בעת מלחמת העולם הראשונה. התקרב לרבינו ז"ל על ידי שראה איך שהרה"ח רבי ישראל בער אודעסער ז"ל מתפלל בתמימות ובדביקות. קיבל הרבה מתורותיו ועצותיו של רבינו ז"ל מהרה"ח רבי אברהם שטערנהארץ ז"ל. היה מחשובי אנ"ש בדור הקודם, מדקדק במצוות באהבה, חכימא דיהודאי, ובעל חסד נפלא מאד, הרבה התעסק עם מרי נפש ושבורי לב, וכן עסק הרבה בשידוכי מצוה, לא ראו אצלו ביטול זמן, והעיד עליו מורנו שליט"א (אוסף מכתבים חלק א' מכתב י') "שישב ולמד לילות כימים בצנעה בבתי כנסיות שונים, שהיו שם ספרים רבים ומתוקים" ועל כולם היה ענוותן ושפל ברך נפלא, הזהיר שלא לכתוב על מצבתו שום דבר שבח, נפטר בי"ב ניסן שנת תשל"ד לפ"ק, ומנוחתו כבוד בהר המנוחות בירושלים עיה"ק תובב"א.

**סג.** עיין פרי צדיק פר' ואתחנן, אות ה', וז"ל: **וענין של זכרון יציאת מצרים שהוזהרו עליה כמה פעמים** הוא כדי שלא יפול האדם בעצמו אחרי שיחשוב וידע נגעי לבבו **ושלא יתייאש** חס ושלום על זה בא זכירת יציאת מצרים שאף שהיו משוקעים שם בקליפה כל כך כעובר בבטן אמו מכל מקום הוציא ה' אותנו משם וכן יעזור השם יתברך לכל מי שירצה לשוב באמת. וכמו שאמרו (שהש"ר ה' ב') בני פתחו לי פתח אחד של תשובה כחודו של מחט ואני אפתח לכם פתחים שיהיו עגלות וקרנות נכנסות בו. ואומרים בשם הבעש"ט זצ"ל אך שהחודו של מחט יהיה מפולש מעבר לעבר עד מעמקי הלב. וזה הענין שהוזכר במאמר אנכי ה' אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים. ורבים הקשו למה לא אמר אשר בראתי שמים וארץ. **והרמב"ן ז"ל** כתב שביציאת מצרים נכלל מציאות ה' וחידוש העולם והשגחה עיין שם. ולפי הנ"ל הוא. כי במאמר אנכי שהוא כנגד כתר עליון כמו שאמרו (זח"א רנ"ו א') אנכי ביה כ' כתר וכו', שזה מורה שישראל קשורים בשורש לזה נזכר יציאת מצרים, להורות **שאף מי שמשוקע חס ושלום בכל מקום שהוא, מכל מקום זרע ישראל לא ידח ממנו נדח מאחר שקשורים בשורש בה' יתברך, ואם אך ירצה לשוב לה' ולדבקו בו, יעזרהו ה' יתברך כימי צאתנו מארץ מצרים**, עכ"ל.

ובגשמיות, אפילו למעלה מן הטבע 'ברוחניות' און למעלה מן הטבע 'בגשמיות'!

אט דאס איז א איד!

דער ענין פון יציאת מצרים איז - דער אויבערשטער וועט מיך ארויסנעמען!

ווען?

מ'האפט, מ'בענקט, מ'ווארט, און מ'וויל; וועט מען זען אז אזוי איז מען ארויסגעגאנגען פון מצרים.

ממילא, אט דאס איז וואס מ'צינדט די חנוכה ליכט, אויף דעם וואס מען איז פטור געווארן פון 'קליפת יון'[סד].

יעדער איינער איז דאך מעורב פון 'טוב ורע', דער עץ־הדעת איז דאך דא אין יעדעס שטיקל מח. די גאנצע ארבעט איז - ממליך זיין דעם אויבערשטן. נאר אוודאי, דער זיכוך השלם וועט דער אויבערשטער אליין מאכן ביי די וואס האבן זיך געשטארקט און ממליך געווען ה' יתברך.

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן עס זאל זיין ליכטיג אין מח, און פריילך אין הארצן, מיר זאלן זען "**בְּאוֹרְךָ נִרְאֶה אוֹר**"[סה], מען זאל זען דעם "והארץ האירה מכבודו", עס זאל זיין ליכטיג און פריילאך

---

**סד.** עיין ליקוטי הלכות הל' שלוחין ה"ג, וז"ל (עפ"י אוצר היראה): מלכות יון הרשעה רצתה להתגבר בחכמת יון **שמהם כל האפיקורסות והכפירות**, ועי"ז מפרידין אחר הבריאה מאחדותו יתברך. וכשזכו לנצחם קבעו רז"ל להדליק נר חנוכה; **הדלקת נר חנוכה** הוא בחינת **אור השגחתו יתברך** שאנו ממשיכין עכשיו, שעל־ידי־זה נכלל אחר הבריאה בבחינת קודם הבריאה, שהוא בחינת כולו אחד. ועל־כן מצות נר חנוכה למטה מעשרה טפחים, כשארז"ל שלמטה מעשרה טפחים מעולם לא ירדה שכינה לשם, ועכשיו מעוצם הנס של חנוכה אנו זוכין לגלות אור ההשגחה גם שם, להורות **שגם כל המקומות הרחוקים מקדושתו יתברך כולם מתנהגים בהשגחתו יתברך לבד**, כי הוא יתברך מחיה את כולם.

**סה.** תהלים לו, י.

און געזונט און שמחה, 'יצו ה' את הברכה חיים עד העולם', ביי אונז און ביי אלע אידן.

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

ואחיו מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **אהרן אלימלך לעפקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יואל הירשפעלד** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מזל טוב וגדיא יאה

לכבוד הני נדיבים אנשי ה' יראי אלקים,
אשר נדבה לבם לחזק את מפעלינו הכביר
לרגל שמחת לבם השורה במעונתם
ה"ה

**מוה"ר מאיר גרינפעלד הי"ו**
ממקורבי מורינו הגה"צ שליט"א
לרגל נישואי בתו הכלה שתחי' בשעטו"מ
עב"ג
החה"ח **טוביה אלטר** ב"ר **אברהם ניסן נ״ימאן** הי"ו

ומוה"ר **משה עזריאל מייזעלס** הי"ו
לרגל נישואי בתו הכלה שתחי' בשעטו"מ
עב"ג
החה"ח **חיים שלמה** ב"ר יואל **ווייס** הי"ו

ומוה"ר **מאיר פיקסלער** הי"ו
לרגל הולדות בתו למז"ט בשעטו"מ

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא שמשמחות זו ישפע שפע רב
לנו ולכל בני ישראל, ורב תענוג ונחת דקדושה כל הימים
בביאת משיח צדקינו בב"א

# יאמץ לבך

אלעמאל וואס עס האט זיך דערוועקט מרביצי תורה אין אלע פלעצער, מענטשן האבן געהאט מסירות נפש צו ממשיך זיין דאס יהדות, איז דאס אלץ געווען דורך דעם אור פון חנוכה אין גלות, וואס דער אור איז איבערגעגאנגען דורך די צדיקי הדור, צדיקים, פייערדיגע אידן, אז די תורה זאל נמשך ווערן. עס איז טאקע איבערגעגאנגען עליות מיט ירידות, אבער ווען נישט די חנוכה ליכט איז פארלאשן אידישקייט.

טאקע דאס וואס דער גלות האט נישט פארלאשן דאס גחלת ישראל, [גחל"ת איז בגימטריא אמ"ת], דאס וואס די גחלת איז נאך דא, דאס אלץ איז דורך דעם אור פון די חנוכה ליכט.

(מתוך הספר החדש "דורשי יחודך – חנוכה" – מאמר 'מאי חנוכה')


בס"ד
חנוכה מיטן
אור פונעם
פאר הדור
כ"ק הגה"צ רבי יעקב
מאיר שעכטער שליט"א
דורשי יחודך
די הייליגע הארציגע דיבורים פונעם
פאר הדור מרן הגה"צ רבי יעקב
מאיר שליט"א וועט אייך דערקוויקן
דאס הארץ און באלייכטן די
נשמה, צו שפירן דעם זיסקייט פון
די הייליגע ימי החנוכה, און דאס
מיטנעמען אויפן גאנצן יאר!
הפצה ראשית
נר למאור
718.384.1324
צו באקומען אין אלע געשעפטן
YESSAGE 845.774.4069